STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02485

VILDE TSIG

Rukhl Fishman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילדע ציג / רחל פֿישמאַן
עזה פּויזה

ווילדע ציג

עִזה פזיזה

מאת

רחל פ̄ישמאַן

מיידיש:

אריה אהרוני

הוצאת קרית ספר בע"מ, ירושלים

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף
פֿון ליטעראַטור־פֿאָנד בײַם יידישן
שרײַבער־פֿאַראיין אין ישראל

השער: יצחק לבלנג

©
כל הזכויות שמורות להוצאת "קרית־ספר" בע"מ, ירושלים
Copyright 1976 by "Kiryat-Sepher" Ltd., Jerusalem
Printed in Israel נדפס בישראל
דפוס סיון בע"מ, ירושלים

אַ בריוו צום רעדאַקטאָר

(אַנשטאָט אַן אַרייַנפֿיר)

●

מכתב לעוֹרך

(במקום הקדמה)

״כ׳דאַרף נאָר אַרבעט, ברויט און ברייטע בעטן,
און וויַטזיַין פֿון די ייִדישע פּאָעטן״.

(משה נאַדיר)

חשובער רעדאַקטאָר;
אַ טיף אַנטוישטע
שיק איך איַיך אָפּ דעם לידרעצעפּט
פֿאַר יונגע שריַיבער און ייִדישע פּאָעטן.
איר זאָגט
אַז די עצות
זיַינען ניט איַיערע.
נאָר זייער קוואַל — פֿון די בעסטע.
דאָרט רעקאָמענדירט מען:
״אַרבעט״ — כ׳האָב דאָך
כּסדר פֿולע הענט און פֿולע טעג.
״ברויט״ — פֿאַראַן דאָ סיַי ברויט,
סיַי אַפּעטיט.
״ברייטע בעטן״ — אמת. די עלנט
פֿאָדערט טאַקע
אַלץ מער אָרט: צי אַליין —
צי אין צווייען.
״און וויַטזיַין פֿון די ייִדישע פּאָעטן״ —
איך גיב איַיך, חבר רעדאַקטאָר,
מיַין ערנוואָרט:

"...אֲנִי צָרִיךְ רַק עֲבוֹדָה וְלֶחֶם וּמִטּוֹת רַחֲבוֹת־מִדּוֹת,
וּמִמְּשׁוֹרְרֵינוּ לְהַרְחִיק נְדוֹד."

(משה נאדיר)

עוֹרֵךְ נִכְבָּד;
בְּאַכְזָבָה מֵעֹמֶק לֵב
אַחְזִיר לְךָ מַתְכּוֹן־הַשִּׁיר
לִצְעִירֵי סוֹפְרִים וּמְשׁוֹרְרִים.
אַתָּה אוֹמֵר
כִּי הָעֵצוֹת
אֵינָן שֶׁלְּךָ.
אַךְ הַמָּקוֹר – מִן הַמֻּבְחָר.
הַהַמְלָצוֹת שֶׁלְּךָ הֵן:
"עֲבוֹדָה" – יֵשׁ לִי הֲלֹא
כְּסֵדֶר מְלֹא־חָפְנַיִם, מְלֹא־יָמִים.
"לֶחֶם" – יֵשׁ פֹּה לֶחֶם,
יֵשׁ גַּם תֵּאָבוֹן.
"מִטּוֹת רַחֲבוֹת־מִדּוֹת" – אֱמֶת, כִּי הַבְּדִידוּת
אָמְנָם דּוֹרֶשֶׁת
תָּמִיד יוֹתֵר מָקוֹם: בֵּין אִם לְבַד –
בֵּין אִם בִּשְׁנַיִם.
"וּמִמְּשׁוֹרְרֵינוּ לְהַרְחִיק נְדוֹד" –
חָבֵר עוֹרֵךְ, קַבֵּל נָא
דִּבְרָתִי:

שוין אַן אייביקייט
קיין פּאָעט ניט געזען, ניט געהערט.
אַנטשולדיקט,
איר זעט דאָך אַליין,
אויך אָן די עצות
פֿיר איך זיך אַזוי.
און האָב הנאה.
יאָ!
פֿון ברויט. פֿון בעט. פֿון אַרבעטסטעג.
פֿון וויסן,
אַז ערגעץ ווײַט
זיצן פּאָעטן שפּעט אין דער נאַכט —
און פּאָעטעווען.

אָבער מײַנע לידער . . .

גוואַלד,
מײַנע לידער טוען זיך זייערס.
ס׳גייט זיי ניט אָן.
וואָס אַרבעט?
ווו בעטן?
צעבאַלעוועטע
ווילד
פֿאַרשמירטע
בילן זיי אויף אַלעמען.

כְּבָר נֵצַח
לֹא רָאִיתִי, לֹא שָׁמַעְתִּי שׁוּם פַּיְטָן.
הוֹאֵל נָא, סְלַח,
הֲלֹא אַתָּה רוֹאֶה
שֶׁגַּם בְּלֹא אֵלּוּ הָעֵצוֹת
אֲנִי נוֹהֶגֶת כָּךְ.
וְיֵשׁ לִי הֲנָאָה.
כֵּן!
מִן הַלֶּחֶם. מִמִּטָּה. מִיּוֹם עָמָל.
מִידִיעָה
שֶׁשָּׁם, שֶׁשָּׁם הַרְחֵק
מְאַחֲרִים מְשׁוֹרְרִים בַּנֶּשֶׁף –
וּמִשְׁתּוֹרְרִים.

אֲבָל שִׁירַי שֶׁלִּי . . .

גְּוָואלד,
שִׁירַי שֶׁלִּי עוֹשִׂים אֶת שֶׁלָּהֶם.
אֵין זֶה נוֹגֵעַ לָהֶם כְּלָל.
מָה עֲבוֹדָה?
אֵיפֹה מִטּוֹת?
מְפֻנָּקִים
פְּרָאִים
מְלֻכְלָכִים
נוֹבְחִים הֵם עַל הַכֹּל.

און ווילן צו מיר ניט קומען.
קענען ניט מוותּר זייַן
דער לבנה.
וועלן ניט פֿאַרשווייַגן
דער נאַכט.

פֿרעג איך אייַך:
ווען אַפֿילו זיי וואָלטן מייַן פֿייַף
יאָ געפֿאָלגט –
ווי לאָזט מען אַזעלעכע
(מיט בלאָטע, מיט הפֿקר
די לאַפּעס, דער פּיסק און דער בויך)
אין שטוב אַרייַן?
צום טיש זיך יאָווען?

טייַערער חבר רעדאַקטאָר,
זייַט מוחל,
איך מוז
אַן אַנדער פֿאָרשלאָג האָבן,
אַ פּריוואַטן אַנטיפּלאַן.

כ׳קוק אַרויס
אויף אייַער ענטפֿער –
מיט דרך־ארץ
רחל פּישמאַן

לֹא רוֹצִים לָבוֹא אֵלַי.
לֹא יְכֹלִים לְוַתֵּר
לַלְּבָנָה.
לֹא מַסְכִּימִים לְהֵאָלֵם דֹּם
מִפְּנֵי הַלַּיְלָה.

אֶשְׁאַל אוֹתְךָ:
וַאֲפִלּוּ הָיוּ מְצַיְּתִים
לִשְׁרִיקָתִי –
אֵיךְ מַנִּיחִים לְכָאֵלֶּה
(בְּבוֹץ, בְּהֶפְקֵר
הַכַּפּוֹת, הַפֶּה וְהַבֶּטֶן)
לְהִכָּנֵס הַבַּיְתָה?
לְהָסֵב לַשֻּׁלְחָן?

חָבֵר־עוֹרֵךְ יָקָר,
הוֹאֵל נָא, סְלַח,
אֲנִי זְקוּקָה
לְהַצָּעָה אַחֶרֶת,
לְמִין אַנְטִי־תָּכְנִית פְּרָטִית.

בְּצִפִּיָּה
לִתְשׁוּבָתְךָ
בְּדֶרֶךְ־אֶרֶץ
רחל פִישמַן

בײַ דער אײביקער מחיצה

●

בחיץ הנצחי

בײַ דער אײביקער מחיצה

א

אומרויִק, נערוועז, שײַן
הוליעט
דער פֿערד פֿון זכּרון
אַרום און אַרום אין מײַן האַרץ.

ער קען ניט אַריבער דעם צײַטפּלויט.

ווילד,
גרויסאויגיק,
לאָזט ער קײנעם ניט צו.

דערשראָקן,
מיט פֿאַרשוימטע ליפּן,
לאָז איך זיך ניט צו
צו זיך.

בַּחַיִץ הַנִּצְחִי

א

נִטּוּל מַרְגּוֹעַ, עַצְבָנִי, יָפֶה
שׁוֹעֵט פָּרוּעַ
סוּס הַזִּכָּרוֹן בְּתוֹךְ לִבִּי.

אֵינֶנּוּ יָכֹל לִצְלוֹחַ אֶת גֶּדֶר־הַזְּמָן.

פִּרְאִי
וּגְדוֹל עֵינַיִם
אֵינוֹ מַתִּיר לְאִישׁ לָגֶשֶׁת.

נִבְהֶלֶת
וּקְצוּפַת שְׂפָתַיִם
אֵינִי מַתִּירָה לִי לָגֶשֶׁת
לְעַצְמִי.

ב

כ׳טרינק צו פֿיל קאַווע.
כ׳ווייס עס.
און עס העלפֿט דאָך ניט.

אין ווינטער־פֿאַרנאַכטן
נעמט רעגענען־רעגענען.
טראָפּנס ווי פּעטש
קלאַפּן אין קאָפּ
מיט אַ טעמפּענעם דופּק.
ס׳פֿאַרשווינדט דער אַרום — —
און מיר טוט אַ פֿאַרפֿלייץ
אַן אויפֿברויז פֿון לאַווע.
איך שטיק זיך
געפֿאַנגען
אין אייגענעם חלום.
קאַווע?!

כ׳טרינק צו פֿיל.
און עס העלפֿט ניט.

זומער.
באַגינענס.
נאָך קלאָר, קיל

ב

אֲנִי שׁוֹתָה יוֹתֵר מִדַּי קָפֶה.
אֲנִי יוֹדַעַת זֹאת.
וְזֶה הֲלֹא אֵינוֹ עוֹזֵר.

בִּשְׁעוֹת דִּמְדּוּמִים בַּחֹרֶף
נִתָּךְ נִתָּךְ לוֹ גֶּשֶׁם.
טִפּוֹת כַּחֲבָטוֹת
הוֹלְמוֹת בָּרֹאשׁ
בְּקֵהוּתוֹ שֶׁל דֹּפֶק.
נֶעֱלָם הַסּוֹבֵב – –
וְשֶׁטֶף שֶׁל לַבָּה גּוֹעֶשֶׁת
אוֹתִי יְאוֹפֵף.
נֶחֱנֶקֶת אֲנִי
נִלְכֶּדֶת
בְּרֶשֶׁת קוּרֵי חֲלוֹמִי.
קָפֶה?!

אֲנִי שׁוֹתָה יוֹתֵר מִדַּי.
וְזֶה אֵינוֹ עוֹזֵר.

קַיִץ.
שְׁחָרִים.
עוֹדוֹ בָּהִיר, קָרִיר

פֿאַרגלייבט דער הימל.
איך קעם זיך די האָר
און ווער אַלט.
פֿאַרשווינדן די גוטע פֿאַווע.
די שיינע.
ניטאָ.

ניט וויין. ניט קלאָג.
די אַרבעטשיך טו אָן.
עס וואַרט, דו נאַר,
אַ טאָג אויף דיר!
סאַראַ פֿאַרמעג:
עס וואַרט אַ קינד,
אַ פֿרײַנד,
אַ הימל.

נאָר –
טאָמער סע סטײַעט ניט שמייכל,
שכל, איך־דו־צוטרוי –
גרייט איך (מע זאָל עס ניט באַדאַרפֿן!)
אַ טעפּעלע קאַווע
אונדזביידן.

וּמַאֲמִין – רָקִיעַ.
אֲנִי סוֹרֶקֶת שְׂעָרִי
וּמִזְדַּקֶּנֶת.
פָּרַח לוֹ טַוּס הַזָּהָב
הַיָּפֶה.
אֵינֶנּוּ.

אַל בְּכִי, אַל קִינָה.
נַעֲלֵי נַעֲלֵי־עֲבוֹדָה.
פְּתָיָה שֶׁכְּמוֹתֵךְ,
מַמְתִּין לָךְ יוֹם!
רְכוּשׁ גָּדוֹל:
יֶלֶד
יָדִיד
שָׁמַיִם.

אֲבָל –
אִם לֹא יַסְפִּיקוּ מַבָּט נוֹשֵׂא־חֵן,
שֵׂכֶל, אֹמֶן דּוּ־סִטְרִי –
אֲנִי מְכִינָה (בַּל נִצְטָרֵךְ לָזֶה!)
סֵפֶל קָפֶה
לִשְׁנֵינוּ.

ג

כ׳רעד אַלץ ווייניקער און ווייניקער.
כ׳האָב אַלץ זעלטענער וואָס צו זאָגן.
און שוין קוים פֿאַראַן
פֿאַר וועמען
מיט וועמען
צו שטומען אַפֿילו.

אָבער די אויערן ביַי מיר
זיַינען געבליבן אַקטיוו...
זיי שפּיצן זיך.
זייערע לאַנגע, אינו־נראהדיקע
אַנטענעס וויברירן.
אויערן אָפּטימיסטן!
זיי גלייבן אין ווערטערווערט.
אויערן, נאַיִווע און ראָז
מיינען: מע דאַרף נאָר קענען הערן.

פֿאַרקלערט
און פֿאַרהאָרכט
פֿאַרפֿיַיף איך קוים־קוים
אַ פֿריילעך־טרויעריקס.

ג

פָּחוֹת וּפָחוֹת אֲנִי מְדַבֶּרֶת.
יוֹתֵר וְיוֹתֵר נְדִירוֹת יֵשׁ לִי מַה לּוֹמַר.
וּכְבָר בְּקֹשִׁי יֵשׁ
לִפְנֵי מִי
עִם מִי
לִשְׁתּוֹק אֲפִלּוּ.

אֲבָל אָזְנֵי שֶׁלִּי
נִשְׁאֲרוּ פְּעִילוֹת . . .
הֵן מִזְדַּקְּרוֹת,
אַנְטֶנּוֹת גְּבֹהוֹת לֹא־נִרְאוֹת שֶׁלָּהֶן
רוֹטְטוֹת.
אָזְנַיִם – אוֹפְּטִימִיסְטִיּוֹת!
מַאֲמִינוֹת בַּאֲמִינוּת מִלִּים.
אָזְנַיִם נָאִיבִיּוֹת וְרֵדוֹת
חוֹשְׁבוֹת: צָרִיךְ רַק לָדַעַת לִשְׁמוֹעַ.

מְהַרְהֶרֶת
כְּרוּיַת־אֹזֶן
מְצַפְצֶפֶת אֲנִי קִמְ־קִמְעָה
שִׁיר־עַצְבוּת עָלָיו.

ד

אין קיַילעכדיקן, גלעזערנעם
וועלטקרוג
עפּן איך און פֿאַרמאַך דאָס מויל
אַזוי ווי אַלע.
און אַזוי ווי אַלע האַלט איך
אין איין אָנשטויסן מיט דער נאָז
די שפּיגל־לויכטיקע מחיצה
צום אויסגעבענקטן אַרום.

גוט.
ביז ווייטיק גוט
דאָס שטיפֿערישע שאַרן זיך
מיט שטאַרקן שמײַס פֿון יונגע פֿלוספֿעדערן
בײַ דער אייביקער מחיצה.

לופֿט־מיט־וואַסער־בלעזלעך
פּערלען זיך.
אַרויף און אַוועק.

עפּן איך
און פֿאַרמאַך דאָס מויל
אַזוי ווי אַלע.

ד

בְּתוֹךְ כַּד הַזְּכוּכִית
הַגְּלוֹבִּי, הֶעָגֹל
פּוֹתַחַת אֲנִי וְסוֹגֶרֶת אֶת פִּי
כְּכָל הַשְּׁאָר.
וּכְכָל הַשְּׁאָר נִתְקֶלֶת אֲנִי בְּאַפִּי בְּלִי הֶרֶף
בְּחַיִץ הָרְאִי הַמַּבְהִיק
לַסּוֹבֵב הַנִּכְסָף.

טוֹב.
טוֹב עַד כְּאֵב
הַחִכּוּךְ הַשּׁוֹבָב
עִם הַצְּלָפַת הָאוֹן שֶׁל סְנַפִּירִים עוֹלִים
בַּחַיִץ הַנִּצְחִי.

בּוּעוֹת אֲוִיר וָמַיִם
מַפְנִינוֹת
עָלֹה וְחָמֹק.

פּוֹתַחַת אֲנִי
וְסוֹגֶרֶת אֶת פִּי
כְּכָל הַשְּׁאָר.

איך באַוווּנדער די אייגענע בלעזעלעך.
ווי שיין!
כ׳פֿאַרגעס
און גיב זיך פֿריילעך אַ לאָז, אַ יאָג:
אַוועק, אַרויף, אַרויס!

און אַז אַ גאָלדנאַרעלע צעקלאַפּט
כּסדר די נאָז –
איז וואָס?

אַפּריל 1972

אֲנִי מִתְפָּעֶלֶת מִבּוּעוֹתַי שֶׁלִּי.
כַּמָּה יָפֶה!
אֲנִי שׁוֹכַחַת –
וּבְשִׂמְחָה אֲנִי נִתֶּרֶת לִי לָאוּץ!
לַחְמוֹק, לִזְנוֹק, לַחוּץ!

וּכְשֶׁפִּתְיַת־זָהָב מֻכָּה כְּסֵדֶר בְּאַפָּהּ –
אָז מָה?

רינג נאָך רינג

א

איך קען וואַרטן.
איך ווייס גוט ווי מע טוט עס.
ווי מע וואַרט.
כ׳האָב דאָס אמתע געדולד
פֿון די תּמיד אומגעדולדיקע,
פֿון צעבאַלעוועטע מיזינקעס,
פֿון ערשטע בלעטער,
(ביז ווייטיק גרינע)
וואָס יאַווען זיך אויף צווײַגן
נאָך פֿאַר די לעצטע פֿרעסט.

ווער ציילט די שטערן,
די פּעטש, די אַנטוישונג, די שוואַרצע
(פֿון לעצטן פֿראָסט פֿאַרברענטע)
ערשטע בלעטער?

יאָ, איך קען וואַרטן.
אַפֿילו אויף זיך.

כ׳האָב דאָס געדולד
פֿון די געדולדיק־אומגעדולדיקע.

טַבַּעַת אַחֲרֵי טַבַּעַת

א

אֲנִי יְכֹלָה לְחַכּוֹת.
אֲנִי יוֹדַעַת אֵיךְ עוֹשִׂים זֹאת.
אֵיךְ מְחַכִּים.
יֵשׁ לִי הַסַּבְלָנוּת הָאֲמִתִּית
שֶׁל הָאִי־סַבְלָנִיִּים תָּמִיד,
שֶׁל בְּנוֹת זְקוּנִים מְפֻנָּקוֹת,
שֶׁל עָלִים רִאשׁוֹנִים
(יְרֻקִּים עַד כְּאֵב)
הַמּוֹפִיעִים עַל עֲנָפִים
עוֹד טֶרֶם אַחֲרוֹנֵי כְּפוֹרִים.

מִי יִמְנֶה אֶת כּוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם?
אֶת הַמַּכּוֹת, הָאַכְזָבוֹת,
אֶת שְׁחוֹר הֶעָלִים הָרִאשׁוֹנִים
(שְׂרוּפֵי הַכְּפוֹר הָאַחֲרוֹן).

כֵּן, אֲנִי יְכֹלָה לְחַכּוֹת.
אֲפִלּוּ לְעַצְמִי.

יֵשׁ בִּי הַסַּבְלָנוּת
שֶׁל אִי־סַבְלָנִיִּים סַבְלָנִיִּים.

ב

און ווידער צווישן אונדז
אויפֿן טיש
אַ פֿלאַש מיט פּאַראַדאָקס.

און ווידער שטײַגט דײַן שטים
רינג נאָך רינג.

אין רינג נאָך רינג
נידערט אויג און בליק.

צווישן אונדז אויפֿן טיש –
נאָר אַ פֿלאַש אַלטער פּאַראַדאָקס.
און יעדער טרינקט אין אים אַרײַן
זײַן אייגן פּנים.
און יעדער טרינקט פֿון אים אַרויס
זײַן אייגענעם דאָרשט.

ב

וְשׁוּב עַל הַשֻּׁלְחָן
בֵּינֵינוּ
בַּקְבּוּק שֶׁל פָּרָדוֹקְס.

וְשׁוּב עוֹלֶה וּמְטַפֵּס קוֹלֵךְ
טַבַּעַת אַחֲרֵי טַבַּעַת.

וּמַנְמִיכִים טַבַּעַת אַחֲרֵי טַבַּעַת
עַיִן וּמַבָּט.

עַל הַשֻּׁלְחָן בֵּינֵינוּ –
בַּקְבּוּק שֶׁל פָּרָדוֹקְס יָשָׁן בִּלְבָד.
וְכָל אֶחָד מַטְבִּיעַ בּוֹ
אֶת פַּרְצוּפוֹ שֶׁלּוֹ.
וְכָל אֶחָד מַגְמִיעַ בּוֹ
אֶת צִמְאוֹנוֹ שֶׁלּוֹ.

ג

דאָס לעפּעלע זכּרון
האָט זיך מיר פֿון דער האַנט
אַרויסגעגליטשט –
און איך האַלט אין איין פֿאַרגעסן.
איך וווּנדער זיך שוין מער ניט.
אין אָנהייב
האָב איך זיך זייער געחידושט:
ווי אַזוי האָב איך דאָס געקענט פֿאַרגעסן!?
נאָר איצט
וווּנדער איך זיך שוין ניט.

איך האַלט אין איין פֿאַרגעסן
און כ׳בין ערשט בײַם אָנהייב.
נאָך דעם ווי כ׳וועל אַלץ פֿאַרגעסן
וועל איך אפשר וויסן
וואָס ס׳איז פֿון מיר פֿאַרבליבן.
וואָס ס׳איז פֿון מיר געוואָרן.

בית־אלפא, 1971

ג

כַּפִּית הַזִּכָּרוֹן
הֶחֱלִיקָה לָהּ מִתּוֹךְ יָדִי
וְנִשְׁמְטָה –
וְהִנְנִי שׁוֹכַחַת וְשׁוֹכַחַת.
אֵינֶנִּי מִשְׁתּוֹמֶמֶת עוֹד.
בַּהַתְחָלָה
תְּמֵהָה הָיִיתִי:
כֵּיצַד יָכֹלְתִּי זֹאת לִשְׁכּוֹחַ!?
אֲבָל עַכְשָׁיו
אֵינֶנִּי מִשְׁתּוֹמֶמֶת עוֹד.

אֲנִי שׁוֹכַחַת וְשׁוֹכַחַת
וַאֲנִי רַק מַתְחִילָה.
לִכְשֶׁאֶשְׁכַּח הַכֹּל
אֶפְשָׁר אֵדַע
מַה נּוֹתַר מִמֶּנִּי.
מַה נִּהְיָה מִמֶּנִּי.

היט זיך

א

היט זיך
פֿאַר די טעג
ווען אַלץ טוט פֿאַלן.
דאָס לעפֿעלע פֿון קאַווע,
דער בלײַפֿעדער פֿון שרײַבטיש,
אַפֿילו
דײַן צאָנבערשטל פֿון פֿויסט אַרויס!
אוי היט זיך פֿאַר אַזעלעכע טעג.

קינד.
דעמאָלט קען דאָך פֿאַלן
אַ געוויס וואָרט פֿון ליפּ,
אַ שלאָס.

אַ בליק,
אַ טרער.

און מער.

הִשָּׁמֵר

א

הִשָּׁמֵר
מִן הַיָּמִים
כְּשֶׁהַכֹּל נוֹפֵל.
הַכַּפִּית מִכּוֹס הַקָּפֶה,
הָעֵט מִשֻּׁלְחַן הַכְּתִיבָה,
אֲפִלּוּ
מִבְרֶשֶׁת הַשִּׁנַּיִם מֵאֶגְרוֹף קָפוּץ!
הוֹי הִשָּׁמֵר מִיָּמִים שֶׁכָּאֵלֶּה.

יֶלֶד.
הֲלֹא יָכְלָה אָז לִפּוֹל
מִלָּה מְסֻיֶּמֶת מִן הַשָּׂפָה,
מַנְעוּל.

מַבָּט,
דִּמְעָה,

וּמִי יוֹדֵעַ מָה.

ב

צוטוליען זיך –
אַ וואָלקנדל
דעם באַרג אויף דער ריפּ –
צו דײַן שמייכל.
אין דײַן אמת
דײַן גוטן
פֿאַרקאָרטשעט
אַרײַנקלעמען זיך.

פֿאַרבלײַבן פֿון מיר
זאָל אַ פּאַסמע פֿון פֿײַכטקייט
אַ נעפּל פֿון גלויבן
דער אָנזאָג פֿון רעגן
וואָס אָט
אָט אָט אָט
וועט קומען וועט קומען
מיט גוטן.

וואָלט איך געקענט
כאָטש איין מאָל
אָן מורא צום גרונט.
צוטוליען זיך . . .

ב

לְהִצָּמֵד –
כְּעָב קַלָּה
אֶל צֶלַע הַר –
אֶל בַּת־צְחוֹקֵךְ.
בַּאֲמִתְּךָ
זוֹ הַטּוֹבָה
לְהִתְכַּוֵּץ
לְהִנָּעֵץ.

שֶׁיִּוָּתֵר מִמֶּנִּי
שֹׁבֶל שֶׁל לַחוּת
דֹּק־עֲרָפֶל שֶׁל אֱמוּנָה
בְּשׂוֹרַת הַגֶּשֶׁם
שֶׁהִנֵּה
עוֹד רֶגַע
יַגִּיעַ יַגִּיעַ
לְטוֹבָה.

אִלּוּ יָכֹלְתִּי
לוּ רַק פַּעַם
מִבְּלִי פַּחַד אֶל תַּשְׁתִּית.
לְהִצָּמֵד . . .

ג

ס׳ליגן נאָך בײַם בעט, אין שיסל
צעקנאַקטע יאָען מײַנע
נײנען דײַנע
און פֿאַרקערט.
אַ געל שיסל איבערפֿול מיט שאָלעכץ.

פֿאַמעלעך,
פֿאָרזיכטיק,
מיט נערוועזע אויערן,
קומען צוויי מײַזעלעך צו לויפֿן.
פֿון גרויס גליק
ציטערן אַזש בײַ ביידע
די וואָנצעלעך!
פֿלינקע לאַפּקעלעך
נישטערן
זוכן.
אפֿשר
וועלן זיי
נאָך אָנטאַפּן
אַן ערדניסעלע
אַ גאַנצס!

ג

בְּקַעֲרִית שֶׁאֵצֶל הַמִּטָּה
עוֹד מוּנָחִים מְפֻצָּחִים
כֵּן"ים שֶׁלִּי
לֹא"ים שֶׁלְּךָ
וּלְהֶפֶךְ.
קַעֲרִית צְהֻבָּה מְלֵאָה עַל גְּדוֹתֶיהָ קְלִפּוֹת.

אַט אַט
וּבִזְהִירוּת,
בְּאָזְנַיִם רְגִישׁוֹת־עַצְבָּנִיּוֹת,
חָשִׁים בָּאִים שְׁנֵי עַכְבָּרִים.
מֵאֹשֶׁר רַב
מְרַטְּטִים מַמָּשׁ
שְׂפַמְפַמֵּיהֶם!
כַּפּוֹת־זוּטוֹת
זְרִיזוֹת
נוֹבְרוֹת
מְחַטְּטוֹת.
אוּלַי
עוֹד יִתְמַזֵּל לָהֶן לִמְצוֹא
בָּטְנֶה אֶחָד
שָׁלֵם!

ד

גליק
זאָל מען ניט מעלה־גירהן.

שטעל זיך אַוועק אויף דײַן שוועל.
בינד גוט
די שיכבענדלעך צו.

איין שפּאַן
איין אומזין
איין לאַך
פֿון דאָס טאָגטעגלעכע
ביז דאָס אוממעגלעכע.

כ׳קען מײַן פֿוס ניט הייבן.

ד

אֹשֶׁר
אַל יַעֲלוּהוּ גֵּרָה.

עִמְדִי עַל הַסַּף.
הֵיטִיבִי
לִקְשׁוֹר שְׂרוֹכֵי נְעָלַיִךְ.

צַעַד אֶחָד
טֵרוּף אֶחָד
חִיּוּךְ אֶחָד
מִן הַיּוֹמְיוֹם הָאַפְרוּרִי
עַד הַבִּלְתִּי־אֶפְשָׁרִי.

אֵינִי יְכֹלָה לְהָרִים אֶת רַגְלִי.

ה

כ׳וויל אויך
צעשפּרייטן טויזנט־און־איין אָרעמס
און געבן
אַ צעבלי
אַ צעגלי
אַ צעראָז
אַ צעלאָז
דווקא
אַלעמען אין די אויגן!

ניט פֿרעגן:
ווער דאַרף עס?
ווער וויל עס?
ווער וועט מיר פֿאַרשטיין.

דאָס קענען נאָר ביימער.
דאָס מעגן נאָר זיי.

אָבער –
כ׳וויל אויך.

1974–75

ה

גַּם אֲנִי רוֹצָה
לִפְשׁוֹט אֶלֶף וְאַחַת זְרוֹעוֹת
וּבְשְׁפִיעָה
לְהִתְפָּרֵחַ
לְהִזְדָּרֵחַ
לְהִתְוָרֵד
לְהִתְפָּרֵץ.
וְדַוְקָא
לְעֵינֵי הַכֹּל!

מִבְּלִי לִשְׁאוֹל:
מִי צָרִיךְ אֶת זֶה?
מִי רוֹצֶה בָּזֶה?
מִי מֵבִין אוֹתִי.

זֹאת יוֹדְעִים רַק עֵצִים.
זֶה מֻתָּר רַק לָהֶם.

אֲבָל –
גַּם אֲנִי
רוֹצָה.

בלויע פֿײַערלעך

●

אורים כחלים

בלויע פֿײַערלעך

בית־אלפא שפּעט

א

טײַערער טיגערל,
ווען וועסטו ווידער
שפּילעוודיק־ערנסט
אַ שפּרונג טאָן
אויף מײַן ביימעלע זכרונות?
אומדערוואַרטערהייט
אַ פֿיר טאָן מיט דער לאַפּע?
ווייסט דאָך: נאָר דער שאַרפֿער שניט
פֿון דײַנע נעגל
קען פֿאַרמעקן,
קען פֿאַרגלעטן
דאָס ניט־פֿאַרהיילטע —
דאָס ניט אַרויסגעשריִענע
בײַ מיר.

נ.ב.
דײַנע בלויע פֿײַערלעך
האָבן מײַן צעפּאַטלטקייט
נאָך ערגער גאָר פֿאַרקניפּט.

אוּרִים כְּחֻלִּים

בֵּית־אַלְפָּא מְאֻחָר

א

טִיגְרֶסִּי הֶחָמוּד,
מָתַי כְּבָר שׁוּב
בְּשְׂחוֹק־רְצִינוּת
תַּפְלִיא קְפִיצָה
עַל עֵץ זִכְרוֹנוֹתַי?
כָּךְ בְּפִתְאֹם
תָּנִיף כַּפָּה?
הֲלֹא תֵּדַע: רַק הַשִּׂסּוּף הַחַד
שֶׁל צִפָּרְנֶיךָ
יָכֹל לִמְחוֹק
וּלְהַחֲלִיק
אֶת מַה שֶּׁלֹּא נִרְפָּא –
לֹא נִצְטָעֵק לוֹ
בְּקִרְבִּי.

נ.ב.
אוּרֶיךָ הַכְּחֻלִּים
הֵרֵעוּ עוֹד לִקְשׁוֹר
אֶת סְבַךְ פְּרָעוּתִי.

ב

הײַנט
בעסער בלײַבן אין בעט.
און די מעגלעכקייטן
שיילן – ווי ערדניסלעך.
דעם שאָלעכץ אויפֿן דיל.
יאָ און ניין.
אַליין.

ב

הַיּוֹם
מוּטָב לְהִשָּׁאֵר בַּמִּטָּה.
וְאֶת הָאֶפְשָׁרֻיּוֹת
לִקְלוֹף – מָשָׁל בָּטְנִים.
קְלִפָּה קְלִפָּה עַל הָרִצְפָּה.
כֵּן וְלֹא.
לְבָד.

ג

בײַ דער טיר שוין
האָט אַ בלינדע, פֿלינקע לאַפּע
ווידער מיך אַ ריס געטאָן
ניט נאָר בײַם אַרבל,
ניט נאָר בײַם אַרבל.

ג

כְּבָר עַל־יַד הַדֶּלֶת
חִישׁ כַּפָּה זְרִיזָה, עִוֶּרֶת
נִנְעֲצָה שׁוּב וּמָרְטָה בִּי
לֹא בַּשַּׁרְוּוּל בִּלְבַד,
לֹא בַּשַּׁרְוּוּל בִּלְבָד.

ד

כ׳וויל
מײַן קאַלט נעזול
צודריקן
צו דײַנע וואַרעמע ריפּן.

ד

אֲנִי רוֹצָה
אֶת אַפּוֹנֵי הַקֹּר
לְהַדֵּק
אֶל צַלְעוֹתֶיךָ הַחַמּוֹת.

ה

טיגערל,
דײַנע שטרײַפֿן שוואַרצע
זײַנען די גראַטעס
פֿון מײַן איינזאַמקייט.

דו מעגסט אַרײַן.
איך קען ניט אַרויס.

ה

טִיגְרֶסִי,
פַּסַּיִךְ הַשְּׁחוֹרִים
הֵם סוֹרְגִים
לִבְדִידוּתִי.

אַתָּה רַשַּׁאי לְהִכָּנֵס.
אֲנִי אֵין בִּיכָלְתִּי לָצֵאת.

ו

כ׳רעד נאַרישקייטן.
כ׳ווייס.
און טראַכט דאָך בעת־מעשה
פֿון גאָר אַנדערע
נאַרישקייטן.

ווייסט?

ו

אֲנִי מְדַבֶּרֶת שְׁטֻיּוֹת.
יָדַעְתִּי.
וּמְהַרְהֶרֶת בְּעֵת מַעֲשֶׂה
בִּשְׁטֻיּוֹת אֲחֵרוֹת
לַחֲלוּטִין.

הֲיָדַעְתָּ?

ז

פֿלינקער ביסטו.
נאָר
טאָמער פֿוילסטו זיך מיך פֿאַנגען?

בלײַבסט אָפּט
מיר פֿרעמדער
ווי איך צו זיך.

און שטומער.

ז

אַתָּה הַזָּרִיז.
אַךְ
אִם מִתְעַצֵּל אַתָּה לְלָכְדֵנִי?

תְּכוּפוֹת
גָּדוֹל אַתָּה בְּזָרוּתְךָ לִי
מֵאֲשֶׁר אֲנִי לְעַצְמִי.

וּבְאִלְּמוּתְךָ.

ח

איין ניכטערער בליק
פֿון מײַנע אַרבעטסשיך –
(זיי וואַרטן
אין דער פֿרי
בײַ דער טיר) –
און עס ווערט פֿון יאָ ניין,
פֿון ניין יאָ,
און פֿון דיר, טיגערל, –
אַ תּל.

נאָך מיטיק ערשט –
ווען איך קום דיך מינטערן,
טוסטו גאָר פֿון ערגעץ ווו
אויף מיר אַ שפּרונג.
מיר קײַקלען זיך ביידע
אויף אַלע פֿיר.
און הייבן ווידער אָן –
פֿון אָנהייב.

ח

רַק הַצָּצָה מְפַכָּחָה
שֶׁל נַעֲלֵי הָעֲבוֹדָה –
(הֵן מַמְתִּינוֹת
בַּבֹּקֶר
עַל־יַד הַדֶּלֶת) –
וְהֵן הוֹפֵךְ לְלָאו,
וְלָאו הוֹפֵךְ לְהֵן,
וְאַתָּה, טִיגְרִסִי, –
לְתֵל־חֲרָבוֹת.

רַק אַחֲרֵי הַצָּהֳרַיִם –
לְעֵת בּוֹאִי לְעוֹדֶדְךָ,
קוֹפֵץ הִנְּךָ עָלַי לְפֶתַע
מֵאֵי־אָן.
אֲנַחְנוּ נִלְפָּתִים־מִתְגַּלְגְּלִים
עַל אַרְבַּע.
וּמַתְחִילִים זֹאת שׁוּב –
מֵהַתְחָלָה.

ט

איך בין, טיִגערל, געקומען צו פֿרי
אָדער
צו שפּעט.

תּמיד.

צו ליבע.
צו טענות.
צו דיר.

טײַערער,
צום לעצטן וואָרט,
צום לעצטן שמייכל,
וועל איך זײַן
(סײַ פֿרי, סײַ שפּעט)
אין צײַט.

ט

אוֹ שֶׁהִקְדַּמְתִּי, טִיגְרֶסִּי, בּוֹאִי
אוֹ
שֶׁאֵחַרְתִּי.

תָּמִיד.

אֶל אַהֲבָה.
אֶל טְעָנוֹת.
אֵלֶיךָ.

יַקִּירִי,
לְעֵת מִלָּה אַחֲרוֹנָה,
לְעֵת חִיּוּךְ אַחֲרוֹן,
אֶהְיֶה
(בְּמֻקְדָּם אוֹ בִּמְאֻחָר)
בִּזְמָן.

י

דו, טיגערל, ווערסט עס
ניט פֿאַרשטיין.
איך וואַרט אויף הונגער.
אַ פֿאַרפֿרוירן מײַזל
אויפֿן זומער.

עס פֿעלט מיר הונגער
צום שפּרונג,
צום העפּט,
צום אַפּעטיט.

ס׳האָט זיך מיר געחלומט
מײַן טאַטנס הוסט.
עקשנות.
שרעק.

מיט פֿאַרפֿרוירענע וואָנצעס,
מיט אַן אָפּגעהאַקט עקל,
וועל איך
דערלעבן די היצן –
דאָס וואַרעמע מיסט?

וועט דער זומער מיך דערקענען?

י

אַתָּה, טִיגְרֶסִי,
לֹא תָבִין זֹאת.
אֲנִי מַמְתִּינָה לְרָעָב.
עַכְבָּר קָפוּא
מַמְתִּין לַקַּיִץ.

חָסֵר בִּי הָרָעָב.
לְזִנּוּק,
לְמַחְבֶּרֶת,
לְתֵאָבוֹן.

נֶחְלַם לִי
שֶׁעוּלוֹ שֶׁל אַבָּא.
עַקְשָׁנוּת.
אֵימָה.

בְּשָׂפָם שֶׁקָּפָא,
בְּזָנָב שֶׁקֻּצַּץ,
הַאֶזְכֶּה
לִימוֹת הַחַמָּה –
לַזֶּבֶל הַחַם?

הֲיַכִּיר אוֹתִי הַקַּיִץ?

ברענען –
שטיל –
פֿאַרגעסן –

בלויע
פֿײַערלעך
מיך פֿרעסן.

1974

יוֹקְדִים –
שׁוֹקְטִים –
שׁוֹכְחִים –

אוֹרִים
כְּחֳלִים
אוֹתִי מְלַחֲכִים.

מײַן ווילדע ציג

●

עזה פזיזה שלי

קוקט אים נאָר אָן

קוקט אים נאָר אָן!
ער איז גרייט.
און רויִק.
און זיכער אַז ער איז גערעכט.
טראָגט מען אים טאַקע
אויף די הענט.

אוי דער אַרבוז!
אין זײַן גאַנצקייט,
אין זײַן גרינקייט,
אין זײַן שווערער פּול –
אָטעמט ער טיף
און חלומט זיס.

אַ משיח.
אַ קרבן.

טראָגט מען אים אויף די הענט –
און עס צעשמייכלען זיך
בײַ אַלעמען די אויגן.

אָט קלאַפּט מען אָן –
שטיל, שטיפעריש

תְּנוּ בּוֹ מַבָּט!

תְּנוּ בּוֹ מַבָּט!
הוּא מוּכָן.
וְשָׁקֵט.
וּבְוַדַּאי שֶׁהַצֶּדֶק עִמּוֹ.
עַל־כֵּן נוֹשְׂאִים אוֹתוֹ
עַל הַיָּדַיִם.

אוֹי הָאֲבַטִּיחַ!
בִּשְׁלֵמוּתוֹ,
בְּיַרְקוּתוֹ,
בִּמְלֵאוּתוֹ הַכְּבֵדָה –
נוֹשֵׁם הוּא עֲמֻקּוֹת
וְחוֹלֵם מְתוּקוֹת.

מָשִׁיחַ.
קָרְבָּן.

נוֹשְׂאִים אוֹתוֹ עַל הַיָּדַיִם –
וּמִתְחַיְּכוֹת לָהֶן
עֵינֵי הַכֹּל.

הִנֵּה כְּבָר מַקִּישִׁים
בְּשׁוֹבָבוּת, בְּשֶׁקֶט

(ווי ביי אַ חבר אין טיר)
מיט איין אײַנגעבויגענעם פֿינגער
אין זײַנע פֿעסטע ריפּן.
וירא כי טוב –
טאָמער פּסקנט מען: ער טויג –
וועט זײַן פֿרײַנד, דער בעסטער,
דער ערשטער אין אים צילן
אַ מעסער.

אוי דער אַרבוז!
רויט זײַן זיס!
זיס זײַן רויט!
זײַן לויב – זײַן לוין
אויף יעדער ליפּ.

(כִּבְדֶלֶת שֶׁל חָבֵר)
בְּאֶצְבַּע כְּפוּפָה
עַל צַלְעוֹתָיו הַמְּצֻקּוֹת.
וַיַּרְא כִּי טוֹב –
וְאִם פּוֹסְקִים: בָּשֵׁל –
כִּי אָז יְדִידוֹ הַטּוֹב וְהַכֵּן
רִאשׁוֹן יִשְׁלַח לְלִבּוֹ
סַכִּין.

אוֹי הָאֲבַטִּיחַ!
מָתְקוֹ סָמוּק!
סָמְקוֹ מָתוֹק!
שִׁבְחוֹ – גְּמוּלוֹ
עַל כָּל שָׂפָה.

האַלאָ

אויפֿן טעלעפֿאָן
דײַן שטים
טיף און ווייך
טוט מיר גלײַך אַ טשוכע
צווישן ריפּ און ריפּ
(דאָרט ווו מען מיינט אַז דאָס האַרץ
באַהאַלט זיך).
מיר זײַנען דאָ אַליין.
אין גאַנצן
אַליין: איך –
מיט דײַן טעלעפֿאָן־שטים.
און כ׳ענטפֿער
ניט צו דער זאַך.

״רעד העכער!״ בעטסטו.

הַלּוֹ

בַּטֶּלֶפוֹן
קוֹלֵךְ
עָמֹק וָרַךְ
נוֹתֵן לִי מִין דִּגְדּוּג
בֵּין הַצְּלָעוֹת
(מָקוֹם שֶׁשָּׁם סוֹבְרִים כִּי
מִתְחַבֵּא הַלֵּב).
אֲנַחְנוּ פֹּה לְבַד.
לְגַמְרֵי
לְבַד: אֲנִי –
בְּיַחַד עִם קוֹל־הַטֶּלֶפוֹן שֶׁלָּךְ.
וּמַשִּׁיבָה אֲנִי
לֹא לָעִנְיָן.

"הָרִימִי אֶת קוֹלֵךְ!" בִּקַּשְׁתָּ.

ליפּ און צונג דערטאַפּן זיך
אויך בלינדערהייט.
האַלאָ? האַלאָ?

מע טאָר ניט –
אויפֿן טעלעפֿאָן –
סאַ עפּנטלעך אָרט –

האַלאָ?!

שְׂפָתַיִם וְלָשׁוֹן מְגַשְּׁשִׁים וּמַגִּיעִים
גַּם בְּעִוְּרוּת.
הַלּוֹ? הַלּוֹ?

אָסוּר –
בַּטֶּלֶפוֹן –
זֶה מָקוֹם צִבּוּרִי –

הַלּוֹ?!

איך בעט דיר

א

איך בעט דיר.

לאָז נאָך זיך
אַ ריינעם טיש.

איך שרעק זיך
פֿאַר פֿרעמדע פֿינגער.

די אומאָרדענונג.
די הויפֿנס אָנשטרעננג,
זכרונות,
פּלענער.

איך בעט דיר —:
אַ ריינעם טיש.
אַניט —
כ׳וועל בלינדערהייט
פֿאַרברענען אַלץ.

אני מבקשת אותך

א

אֲנִי מְבַקֶּשֶׁת אוֹתְךָ.

הַשְׁאֵר־נָא
שֻׁלְחָן נָקִי.

אֲנִי מְפַחֶדֶת
מִפְּנֵי אֶצְבָּעוֹת זָרוֹת.

הָאִי־סֵדֶר.
עֲרֵמוֹת הַמַּאֲמָץ,
זִכְרוֹנוֹת,
תָּכְנִיּוֹת.

אֲנִי מְבַקֶּשֶׁת אוֹתְךָ –:
שֻׁלְחָן נָקִי.
וָלֹא –
בְּעִוָּרוֹן
אֶשְׂרוֹף הַכֹּל.

ב

שרעק זיך ניט.
דײַנע אויגן
וועל איך פֿאַרמאַכן.
איך אַליין.
מיט מײַנע ליפּן.

דײַנע אויגן
מיט מײַנע ליפּן.

שאַ.
שאַ. שאַ.
אוי שרעק זיך ניט.

ב

אַל תְּפַחֵד.
אֶת עֵינֶיךָ
אֲנִי אֶעֱצוֹם
בְּעַצְמִי.
בַּשְּׂפָתַיִם שֶׁלִּי.

הָעֵינַיִם שֶׁלְּךָ
בַּשְּׂפָתַיִם שֶׁלִּי.

שָׁא.
שָׁא. שָׁא.
אוֹי אַל תְּפַחֵד.

ג

בלויז רויט
פֿאַסט זיך דאָ.
איך מוז רויט.
דאָס רויט בײַ אונדז
איז אױ ניט רויט געננג!

ווּ נעמט מען רויט
וואָס איז אין גאַנצן רויט?

איך וויל
נאָר רויט.
און שטיל זאָל זײַן.
שטיל, שטיל.

1975

ג

אָדָם לְבַד
מַתְאִים פֹּה.
אֲנִי מֻכְרָחָה אָדָם.
הָאָדָם שֶׁאֶצְלֵנוּ
אוֹי אֵינֶנּוּ אָדָם דַּיּוֹ!

אֵיפֹה לוֹקְחִים אָדָם
שֶׁהוּא אָדָם לְגַמְרֵי?

אֲנִי רוֹצָה
אָדָם בִּלְבָד.
וְשֶׁיִּהְיֶה פֹּה שֶׁקֶט.
שֶׁקֶט, שֶׁקֶט.

וואָס טו איך

א

וואָס טו איך
ווען איך ווייס ניט
וואָס מע טוט?

איך גיב זיך
מאַלפּעדיק אַ הוידע
פֿון איין פּרעגצייכן
צו אַ צווייטן.

און בלײַב אַזוי הענגען –
מיאוס,
צעקנייטשט,
לעכערלעך –
דיר
און זיך
אַנטקעגן.

מָה אֲנִי עוֹשָׂה

א

מָה אֲנִי עוֹשָׂה
כְּשֶׁאֵינֶנִּי יוֹדַעַת
מַה לַּעֲשׂוֹת?

אֲנִי מַשְׁלִיכָה אֶת עַצְמִי
בִּתְנוּפָה קוֹפִית
מִסִּמַּן־שְׁאֵלָה אֶחָד
לְמִשְׁנֵהוּ.

וְנִשְׁאֶרֶת כָּךְ תְּלוּיָה –
מְכֹעֶרֶת,
קְמוּטָה,
מְגֻחֶכֶת –
לָךְ
וּלְעַצְמִי
מִנֶּגֶד.

ב

גוואַלד
כ׳וועך
באַלד
אַלט.

כ׳וועל מײַן רעקל
ניט פֿאַרקנעפּלען.

כ׳גיי אין גאַס.
כ׳האָב אַ רויט רעקל.
ס׳איז מיר קאַלט.

גוואַלד
כ׳וועך אַלט!

איך האָב דיר ניט געפֿאָלגט.

ב

גְּוּוַאלד
לֹא יְמָנַע
אֲנִי
כְּבָר
מַזְקִינָה.

אֶת מְעִילִי שֶׁלִּי
לֹא אֲכַפְתֵּר.

אֲנִי בָּרְחוֹב.
יֵשׁ לִי מְעִיל אָדֹם.
וְקַר לִי קַר.

לֹא יְמָנַע
אֲנִי מַזְקִינָה!

לֹא שָׁמַעְתִּי בְּקוֹלְךָ.

ג

"גאָר –
אָדער גאָרנישט!"

בלייַב איך אָבער אָפּט
מיט אַ פֿול האַרץ
און ליידיקע הענט.

האָב איך יאָ סײַ גאָר –
סײַ גאָרנישט.

ניכטער: שיכּור.
אָפּנאַוויגיק: בלינד.

ג

"הַכֹּל –
אוֹ לֹא־כְלוּם!"

נִשְׁאֶרֶת אֲנִי אֲבָל תְּכוּפוֹת
בְּלֵב מָלֵא
וְיָדַיִם רֵיקוֹת.

יֵשׁ לִי גַּם הַכֹּל –
גַּם לֹא־כְלוּם.

פִּכַּחַת: שִׁכּוֹרָה.
פְּקוּחַת־עַיִן: עִוֶּרֶת.

ד

הייזעריק —
פֿון שטומען,
פֿון וואַרטן,
פֿון האַלבע ווערטער.

האָב איך זיך סאָוועדיק צעטרילט
אין מיטן העלן טאָג.
אין געדיכטן ווערטערוואַלד
זיך סאָוועדיק צעכליפּעט.

ד

צְרוּדָה –
מִלִּשְׁתּוֹק,
מִלְּחַכּוֹת,
מֵחֲצָאֵי מִלִּים.

סִלְסַלְתִּי זֶמֶר כְּיַנְשׁוּף
בְּצָהֳרֵי הַיּוֹם.
בְּסִבְכוֹ שֶׁל יַעַר־הַמִּלִּים
הִתְיַפַּחְתִּי יַנְשׁוּפִית.

ה

איך בין געקומען אַהיים
מיד,
שפּעט.
האָסט קוים
מיט די אויגן עפּעס געפֿרעגט.

מאָרגן
זיכער־אפשר־מאָרגן
וועל איך דיר ווײַזן מײַן ליד.

נאָר איצט –
איצט בין איך מיד.

ה

בָּאתִי הַבַּיְתָה
סְחוּטָה,
בְּשָׁעָה מְאֻחֶרֶת.
בְּקֹשִׁי
שָׁאַלְתָּ דְּבַר־מָה בָּעֵינַיִם.

מָחָר
בֶּטַח־אוּלַי־מָחָר
אַרְאֶךָ אֶת הַשִּׁיר שֶׁכָּתַבְתִּי.

אֲבָל עַכְשָׁו –
עָיַפְתִּי.

ו

אַ שפּינוועב
פֿאָרזיכטיק פֿאַרצויגן
פֿון שפּיזנשפּיץ צו שפּיזנשפּיץ
ביַים שטערנפֿלאַנץ דעם דאָרן
אין קרוג
ביַי מיר אין צימער.

אַ שפּינוועב
צווישן פֿינגער
ביַים געזעגענען.

שיין
שוואַך
צאַרט
שטאַרק
דיַין שמייכל
דיַין צוזאָג
אַ שפּינוועב

1974–75

ו

קוּר עַכָּבִישׁ
מָתוּחַ בִּזְהִירוּת
מִחֹד כִּידוֹן לְחֹד כִּידוֹן
בַּקּוֹץ הַכּוֹכָבִי
בַּכַּד
אֶצְלִי בַּחֶדֶר.

קוּר עַכָּבִישׁ
בֵּין אֶצְבָּעוֹת
לְעֵת פְּרִידָה.

יָפֶה
חַלָּשׁ
עָדִין
חָזָק
חִיּוּךְ שֶׁלְּךָ
בְּהֵן שֶׁלְּךָ
קוּר עַכָּבִישׁ

מײַן ווילדע ציג

א

כ׳האָב ליב
אַז דו שפּרינגסט פֿון מיר אַוועק.
אַ הייב, אַ שטורצע
מיט די הינטערשטע פֿיס.
אַ שפּרונג און אַ גאַלאָפּ.
און די גאַנצע וועלט
איז אַ גרינע לאָנקע.
אַ בלויער הימל –
דער גאַנצער אמת.
און שיין
און שיין
דאָס ווײַסע קעפּל דײַנס
וואָס שאָקלט אויף יאָ
און אַנטלויפֿט אויף ניין.

כ׳האָב אַזוי ליב
אַז דו שפּרינגסט פֿון מיר
אַוועק.
איך שטיי בײַם פּלויט
און קוק דיר נאָך
מיט בלומען אין מײַן פֿויסט.

עִזָּה פְּזִיזָה שֶׁלִּי

א

אֲנִי אוֹהֶבֶת
כְּשֶׁאַתְּ קוֹפֶצֶת מֵאִתִּי
בְּהֶדֶף וְהֶנֶף
רַגְלַיִךְ הָאֲחוֹרִיּוֹת.
דִּלּוּג וּדְהִירָה.
וְכָל הָעוֹלָם
הוּא דֶּשֶׁא יָרֹק.
שָׁמַיִם כְּחֻלִּים –
כָּל הָאֱמֶת.
וּמַה יָּפֶה
וּמַה יָּפֶה
רֹאשֵׁךְ הַלָּבָן
הַמֵּנִיד לְאוֹת כֵּן
וְנִמְלָט לְאוֹת לֹא.

אֲנִי כָּל־כָּךְ אוֹהֶבֶת
כְּשֶׁאַתְּ
קוֹפֶצֶת מֵאִתִּי.
אֲנִי עוֹמֶדֶת אֵצֶל הַגָּדֵר
וּמַבִּיטָה בְּעִקְבוֹתַיִךְ
וְזֵר פְּרָחִים בְּאֶגְרוֹפִי.

עס יאָגט
אַ וועלט, אַן אין־סופיק
גרינע לאָנקע. עס בריקעט
אַן אמת אַ בלויער.

און איך שטיי
מיט אַן אומעט אין פּויסט
און האָב נחת —
ווי ס׳שפּרינגט מײַן ווילדע ציג
פֿון מיר אַוועק;
ווי ס׳שפּרינגט מײַן ווילדע
מיר אַנטקעגן.

דּוֹהֵר לוֹ
עוֹלַם מִדְשָׁאָה יְרֻקָּה
אֵינְסוֹפִית. בּוֹעֶטֶת לָהּ
אֱמֶת כְּחֻלָּה.

וַאֲנִי עוֹמֶדֶת
וְעֶצֶב בְּאֶגְרוֹפִי
וְיֵשׁ לִי נַחַת –
לִרְאוֹת אֵיךְ עֵז־הַבַּר שֶׁלִּי
קוֹפֶצֶת מֵאִתִּי;
לִרְאוֹת אֶת הַפְּרָאִית שֶׁלִּי
קוֹפֶצֶת לִקְרָאתִי.

ב

כ׳האָב ליב
אַז דו גיסט זיך
חנעוודיק אַ קער איבער –
אַ צי אויס אויפֿן רוקן –
און אַ גאַלאָפּ מיט אַלע פֿיר
אין דער לופֿטן.
דעמאָלט מעג מײַן האַנט
אַ רײַב, אַ גלעט טאָן
דײַנע ריפּן,
ברוסט.
לאָזסט זיך אַפֿילו שלעפּן בײַם בערדל!
מײַנע פֿינגער מעגן
קנעטן דײַנע אויערן,
אַרײַנגלעטן
אין זיי מײַן סוד.

כ׳האָב ליב,
ווילדע ציג וואָס דו ביסט,
אַז דו גיסט זיך פֿויל אַ צעבאַלעווע
אויפֿן רוקן.

ב

אֲנִי אוֹהֶבֶת
כְּשֶׁאַתְּ עוֹשָׂה הִפּוּךְ
בְּחֵן –
וּמִשְׁתַּטַּחַת עַל הַגַּב –
וּמַדְהִירָה אַרְבָּעְתַּיִךְ
לְכָל רוּחַ.
אָז יְכֹלָה יָדִי
לְלַטֵּף וּלְקַרְצֵף
אֶת צַלְעוֹתַיִךְ,
אֶת חָזֵךְ.
הִנָּךְ אֲפִלּוּ מַתִּירָה לִמְשֹׁךְ בִּזְקַנְקַנֵּךְ!
אֶצְבְּעוֹתַי הֵן יְכֹלוֹת
לָלוּשׁ אָז אֶת אָזְנַיִךְ
וּלְהַלְטִיף בָּן
אֶת סוֹדִי.

אֲנִי אוֹהֶבֶת,
עִזָּה־פְּזִיזָה שֶׁכְּמוֹתֵךְ –
כְּשֶׁבְּעַצְלוּת אַתְּ מִתְפַּנֶּקֶת לָךְ
עַל גַּב.

ג

אין סאָד
ליגן נאָך צעוואָרפֿן
אָפּגעזעגטע צווייַגן.
מיר האָבן ביידע אויפֿגעהויבן,
אָנגעכאַפּט
איין צווייַג אמת.

איך צי.
נאָר דו, ווילדע ציג,
שלעפּסט אַלץ צו זיך!
האָסט מיט פֿיר קאָפּעטעס
זיך אייַנגעגראָבן אין דער ערד.
דייַן רוקן — אַ בויגן.
און שלעפּסט!
וואָס מאָרדעוועסטו זיך אַזוי?
הערסט דען ניט
וואָס מען רעדט צו דיר?
זעסט דאָך —
דער אמת
איז בייַ מיר.

דו ווילדע ציג!

עס גייט דען אין דעם
ווער פֿון אונדז
איז אַ גרעסערער עקשן?

ג

בַּמַּטָּע
עוֹד מוּנָח מְפֻזָּר
הַגֶּזֶם.
שְׁנֵינוּ הֵרַמְנוּ
תָּפַסְנוּ
עָנָף שֶׁל אֱמֶת.

אֲנִי גּוֹרֶרֶת.
אַךְ אַתְּ, עֵז סוֹרֶרֶת,
מוֹשֶׁכֶת הַכֹּל אֵלַיִךְ!
בְּאַרְבַּע פַּרְסוֹתַיִךְ
הִתְחַפַּרְתְּ בַּקַּרְקַע.
גַּבֵּךְ קָשׁוּת.
וְאַתְּ מוֹשֶׁכֶת!
מָה אַתְּ רוֹטֶנֶת כָּל־כָּךְ?
אֵינֵךְ שׁוֹמַעַת
מַה שֶּׁמְּדַבְּרִים אֵלַיִךְ?
רְאִי –
הֲלֹא הָאֱמֶת
בְּיָדִי.

עֵז־פֶּרֶא שֶׁכְּמוֹתֵךְ!

הַאִם הַשְּׁאֵלָה הִיא
מִי מֵאִתָּנוּ
עַקְשָׁן מֵרֵעוֹ?

ד

האָסטו באַמערקט?
די טעג ווערן קירצער.

כ׳באַוויַיז,
ווי תּמיד,
אַלע וויכטיקע, ניכטערע זינלאָזיקייטן.
ס׳פּאַסירט אָבער
אַז איך פֿאַל ניט אַריַין צו דיר,
מיַיןווילדע.
די טעג ווערן קירצער.

כ׳וועל פֿון זינען אַראָפּ!

ד

הַאִם שַׂמְתָּ לֵב?
הַיָּמִים מִתְקַצְּרִים.

אֲנִי מַסְפִּיקָה לַעֲשׂוֹת
כְּתָמִיד
אוֹתָן הַבְּלוּתוֹת חֲשׁוּבוֹת־מְפֻכָּחוֹת.
יִקְרֶה אֲבָל
שֶׁאֵינִי מַצְלִיחָה לְהָצִיץ אֵלֶיךָ,
פְּרָאִית שֶׁלִּי.
הַיָּמִים מִתְקַצְּרִים.

אֲנִי אֵצֵא מִדַּעְתִּי!

ה

גערעכט איז זי —
מײַן ווילדע ציג.
מען מוז לאַכן,
מען מוז וויינען,
מען מוז עסן ברויט מיט פּוטער.

גערעכט איז זי.

שרײַבן לידער.
אַ מאָל קינדער אַ קוש טאָן.
אַפילו קוקן צו דער לבנה
מוז מען.

עס האַלט זיך אַלץ
סײַ־ווי־סײַ
קוים־קוים
אויף אַ שוואַכער סטרונע.

אַ פאַרשיווע וועלט.

נאָר גערעכט איז זי —
מײַן ווילדע:
לידער
מוז מען . . .

1975

ה

צוֹדֶקֶת הִיא –
עֵז־בַּר שֶׁלִּי.
הֵן מֻכְרָחִים לִצְחוֹק,
וּמֻכְרָחִים לִבְכּוֹת,
וּמֻכְרָחִים לֶאֱכוֹל פַּת בְּחֶמְאָה.

צוֹדֶקֶת הִיא.

לִכְתּוֹב שִׁירִים.
לָתֵת נְשִׁיקָה לְיֶלֶד.
אֲפִלּוּ לִצְפּוֹת בַּלְּבָנָה
מֻכְרָחִים.

הַכֹּל תָּלוּי
בֵּין כֹּה וָכֹה
עַל בְּלִי־מָה.

עוֹלָם נִבְזִי.

אֲבָל צוֹדֶקֶת הִיא –
זוֹ הַפְּרָאִית שֶׁלִּי:
שִׁירִים
מֻכְרָחִים . . .

זיי קומען אָן

●

הן באָות

•

זיי קומען אָן.
מיט אַ יונגער חוצפּה,
מיט אַ באַזונדערן חן,
וואַרפֿן זיי זיך אין די אויגן.
מיר זײַנען דאָ!
דערווײַל –
איינצלנע,
ווײַסינקע,
יוצא־דופניקע,
קרײַזלען זיי זיך אַרײַן
און אַרויף.
אַ מאָל,
ווען דו בעטסט מיך,
בייג איך געהאָרכיק מײַן קאָפּ,
און דײַנע פֿלינקע פֿינגער
ציִען אַרויס,
מיט אַ שמייכל,
אַזאַ ווײַס וואָרזאָגערל.
פֿאַרשטייסטו
וואָס זיי ווילן אייגנטלעך זאָגן?
זייער בשורה טובה?

•

הֵן בָּאוֹת.
בְּחֻצְפָּה צְעִירָה,
בְּחֵן מְיֻחָד,
מִזְדַּקְּרוֹת הֵן לָעֵינַיִם.
אֲנַחְנוּ פֹּה!
עַד כֹּה –
בּוֹדְדוֹת,
לְבַנְבַּנּוֹת,
יוֹצְאוֹת דֹּפֶן,
מִתְקַרְזְלוֹת לְפָנִים
וְלַחוּץ.
לְעִתִּים,
כְּשֶׁאַתָּה מְבַקְּשֵׁנִי,
כּוֹפֶפֶת אֲנִי צַיְּתָנִית אֶת רֹאשִׁי,
וְאֶצְבְּעוֹתֶיךָ הַזְּרִיזוֹת
תּוֹלְשׁוֹת
בְּחִיּוּךְ
כָּרוֹז לָבָן שֶׁכָּזֶה.
הֲמֵבִין הִנְּךָ
מָה רְצוֹנָן בְּעֶצֶם לְהַבִּיעַ,
מַה בְּשׂוֹרָתָן הַטּוֹבָה?

אינהאַלט

אַ בריוו צום רעדאַקטאָר
(אַנשטאָט אַן אַרייַנפֿיר)

אַ בריוו צום רעדאַקטאָר 6

בײַ דער אייביקער מחיצה

בײַ דער אייביקער מחיצה 14
רינג נאָך רינג 26
היט זיך 32

בלויע פֿײַערלעך

בלויע פֿײַערלעך 44

מײַן ווילדע ציג

קוקט אים נאָר אָן 68
האַלאָ 72
איך בעט דיר 76
וואָס טו איך 82
מײַן ווילדע ציג 94

זיי קומען אָן

זיי קומען אָן 108

סֵדֶר הַשִּׁירִים

מִכְתָּב לָעוֹרֵךְ
(בִּמְקוֹם הַקְדָּמָה)

מִכְתָּב לָעוֹרֵךְ 7

בַּחַיִץ הַנִּצְחִי

בַּחַיִץ הַנִּצְחִי 15

טַבַּעַת אַחֲרֵי טַבַּעַת 27

הִשָּׁמֵר 33

אוֹרִים כְּחֲלִים

אוֹרִים כְּחֲלִים 45

עֲזָה־פְּזִיזָה שֶׁלִּי

תְּנוּ בּוֹ מַבָּט 69

הַלּוֹ 73

אֲנִי מְבַקֶּשֶׁת אוֹתְךָ 77

מָה אֲנִי עוֹשָׂה 83

עֲזָה פְּזִיזָה שֶׁלִּי 95

הֵן בָּאוֹת

הֵן בָּאוֹת 109

ספרי רחל פישמן:

זון איבער אַלץ
בהוצאת "י.ל. פרץ" (1962)

דערנער נאָכן רעגן
בהוצאת "ישראל־בוך" (1966)

שמים בעשב / הימל צווישן גראָזן
מיידיש: אריה אהרוני
בהוצאת "אלף" (1968)